# די היסטאָרישע ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגיע

## אַ קאָנספּעקט

1. **גרונט־באַגריפֿן פֿון דער דיאַלעקטאָלאָגיע:**

(א) <u>איינס:</u> אַ „וואָרט" אָדער אַן אַנדער אַבסטראַקטער יש וועגן וועלכן מען רעדט.

(ב) <u>דאָקומענטירט:</u> פֿאַרצייכנט אָדער רעקאָרדירט פֿון די רייד פֿון אַ לעבעדיקן מענטשן.

(ג) <u>אויפֿגעוויזן:</u> ערגעץ־וואו פֿאַרשריבן.

(ד) <u>פֿאָרמע:</u> אַ ספּעציפֿישער דאָקומענטירטער אָדער אויפֿגעוויזענער איינס.

(ה) <u>איזאָגלאָס:</u> די געאָגראַפֿיש־קאַרטאָגראַפֿישע ליניע צווישן צוויי שטחים וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר צוויי פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס.

(ו) <u>וואַריאַנט:</u> אַ נוסח פֿון דער „שפּראַך".

(ז) <u>דיאַלעקט:</u> אַ געאָגראַפֿישער וואַריאַנט פֿון אַ שטח וואָס טיילט זיך אָפּ פֿון אַן אַנדער שטח אָדער פֿון אַנדערע שטחים דורך אַ גאַנץ <u>פּעקל</u> <u>איזאָגלאָסן.</u> דער סוביעקטיווער (קולטורעלער\סאָציאָלאָגישער\ליטעראַרישער

מאָמענט אינעם באַגריף.

(ח) סאָציאָלעקט: אַ וואַריאַנט פֿון אַ סאָציאַלער גרופּע (אַפּילו אויב אין פֿאַרשיידענע שטחים) וואָס טיילט זיך אָפּ פֿון אַן אַנדער גרופּע אָדער אַנדערע גרופּעס דורך אַ פּעקל סאָציאָגלאָסן.

(ט) מינימאַלע פּאָרלעך: צוויי פֿאָרמעס וואָס דער איין־איינציקער חילוק צווישן זיי איז אָט דער פּרט וועגן וועלכן מען רעדט.

(י) פּראָטאָ־שפּראַך: אַ רעקאָנסטרואירטער וואַריאַנט וואָס קען זײַן — לאָגיש גערעדט — דער וואַריאַנט פֿון וועלכן אַלע אויפֿגעהיטענע און דאָקומענטירטע וואַריאַנטן שטאַמען.

(יא) פּראָטאָ־פֿאָרמע: אַ רעקאָנסטרואירטע פֿאָרמע וואָס קען זײַן — לאָגיש גערעדט — די פֿאָרמע פֿון וועלכע אַלע אויפֿגעהיטענע און דאָקומענטירטע פֿאָרמעס שטאַמען. סימבאָל: *.

(יב) ענטפֿערער: פֿאָרמע וואָס קאָרעספּאָנדירט מיט אַ פֿאָרמע אין דער פּראָטאָ־שפּראַך (אָדער אין אַן אַנדער וואַריאַנט).

(יג) שכנות: די פּאָזיציע פֿון אַ פֿאָרמע אין דער סינטאַגמאַטישער ליניע פֿון רייד (דער עיקר — וואָס ס׳טרעפֿט זיך פונקט פֿאַר דעם און נאָך דעם).

(יד) פֿאָנעטיק: די פֿיזישע (אַרטיקולאַטאָרישע און אַקוסטישע) שטודיע פֿון קלאַנגען.

(טו) פֿאָנאָלאָגיע: די סטרוקטורעל־סיסטעמאַטישע שטודיע פֿון קלאַנגען (לויט וועלכער יעדן

קלאַנג קען מען באַנעמען נאָר און בלויז ווי
אַ חלק פֿון דער סיסטעם גאַנצערהייט).

(טז) דיאַפֿאָנעם: די סינכראָנישע קאָרעספּאָנדענץ
צווישן צוויי אָדער מער געאָגראַפֿיש־דיאַלעקטישע
פֿאָרמעס (וואָס טרעפֿן זיך אין די זעלביקע
איינסן, פֿאַרשטייט זיך). סימבאָל: ‖.

2. די גרונט־הנחה פֿון דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָגיע:

אָפּשטאַם (אין אַ געוויסער מאָס!) פֿון אַן איינאיינציקער
פּראָטאָ־שפּראַך פֿון צוויי אָדער מער וואַריאַנטן וואָס ווײַזן אַרויס
כּסדרדיקע קאָרעספּאָנדענצן.

דוגמא —

| איינס | „פּויליש" | „ליטוויש" | באַדײַט |
| --- | --- | --- | --- |
| ⟨גיי⟩ | gaj | gej | 'go' |
| ⟨זיי⟩ | zaj | zej | 'they' |
| ⟨טיי⟩ | taj | tej | 'tea' |
| ⟨ריין⟩ | rajn | rejn | 'clean' |
| ⟨שיין⟩ | šajn | šejn | 'pretty' |

מסקנא: ס'לייגט זיך ניט אויפֿן שׂכל אַז אָט אָ די
קאָרעספּאָנדענצן צווישן „פּויליש" און „ליטוויש" זאָלן וואַקסן פֿון
„סתּם אַ צופֿאַל". אויספּרואוו־מיטל: צי מען קען „זאָגן נביאות"
אויפֿן צווייטן וואַריאַנט קענענדיק נאָר די פֿאָרמע פֿון איין
וואַריאַנט.

3. די גרונט־אַרבעט פֿון דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָגיע:

אויסזוכן (ד"ה געפֿינען) און אויסרעכענען (ד"ה אויסשטעלן
סיסטעמאַטיש) די קאָרעספּאָנדירנדיקע איינסן פֿון צוויי אָדער מער

װאַריאַנטן.

דוגמא —

די קאָרעספּאָנדענץ ī ‖ u:

| אײנס | "פּויליש" | "ליטװיש" |
|---|---|---|
| װאו | vī | vu |
| נו | nī | nu |
| קו | kī | ku |

## 4. די צילן פֿון דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָגיע:

(א) די רעקאָנסטרוקציע פֿון א פּראָטאָ־שפּראַך (װאָס איז אין פּרינציפּ עלטער װי אלע אויפֿגעהיטע כּלים) אויפֿן סמך פֿון די אמת־אָבסערװירלעכע פֿאַקטן פֿון די הײַנטיקע לעבעדיקע װאַריאַנטן. טעאָרעטישער יסוד: עמפּירישע עװידענץ.

דוגמא —

די קאָרעספּאָנדענץ i ~ ī ‖ u:

| אײנס | "פּויליש" | "ליטװיש" | באַדײַט |
|---|---|---|---|
| ‹זון› | zin | zun | 'sun' |
| ‹זון› | zīn | zun | 'son' |
| ‹זין› | zin | zin | 'sense' |
| ‹זין› | zīn | zin | 'sons' |

מסקנא: מען האָט דאָ צו טאָן מיט פֿיר באַזונדערע פּראָטאָ־װאָקאַלן װײַל די הײַנטיקע עמפּיריש־אָבסערװירלעכע װאַריאַנטן װײַזן אַרויס פֿיר באַזונדערע דיאַפֿאָנעמען, דהײַנו:

(א) i ‖ u

(ב) ī ‖ u

(ג) i ‖ i

(ד) ī ‖ i

מען קען זײַן אָפּגעהיט און רעקאָנסטרואירן פֿיר אַבסטראַקטע פּראָטאָ־װאָקאַלן 'א', 'ב', 'ג' און 'ד'. מען קען אויך אײַנשטעלן אַ ביסל און אָננעמען אַז אײן װאַריאַנט ('פּויליש') האָט אויפֿגעהיט כּמות (קװאַנטיטעט) בשעת דער צװײטער ('ליטװיש') האָט אויפֿגעהיט איכות (קװאַליטעט). אויב אַזוי קען מען פּראָװיזאָריש רעקאָנסטרואירן פֿיר פּראָטאָ־װאָקאַלן דהײנו —

| אײנס | פּראָטאָ מזרח ייִדיש | באַדײַט |
| --- | --- | --- |
| <זון> | *zun | 'sun' |
| <זון> | *zūn | 'son' |
| <זין> | *zin | 'sense' |
| <זין> | *zīn | 'sons' |

(ב) די רעקאָנסטרוקציע פֿון די בײַטן װאָס האָבן זיך פֿאַרלאָפֿן אַזש פֿון דער פּראָטאָ־שפּראַך העט ביז אין די הײַנטיקע װאַריאַנטן אַרײַן. דערבײַ פּלאָנטערט מען אויס די געשיכטע פֿון די אַלע װאַריאַנטן: װי אַזוי זײַנען אויפֿגעקומען פֿון די „עקזאָטישע" פֿאָרמעס פֿון דער פּראָטאָ־שפּראַך אונדזערע הײַנטיקע פֿאָרמעס?

פּשוט גערעדט: װאָס האָט פּאַסירט?

מען קען דאָ רעקאָנסטרואירן די בײַטן אין די בײדע װאַריאַנטן, דהײנו:

„פּויליש": *u ← i, *ū ← ī און

„ליטװיש": *ū ← u, *ī ← i

5. די גרונט־טיפּן פֿון פֿאָנאָלאָגישן בײַט:

(א) צונויפֿפֿאַל: (א, ב) ← ג (ג קען זײַן אידענטיש מיט א אָדער ב אָבער לאו דװקא) דורכויס אָדער בלויז אין געװיסע שכנותן.

דוגמא —

*zun, *zin ← zin אין „פּויליש"

*zūn, *zun ← zun אין „ליטװיש"

צווייטע לעקציע (דעם 25סטן פֿעברואַר 1986) דוד קאַץ

# די היסטאָרישע יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע

## אַ קאָנספּעקט

1. סך־הכל פֿון דער מעטאָדאָלאָגיע:

אויסזוכן, איזאָלירן און אויסשטעלן סיסטעמאַטיש די קאָרעספּאָנדענצן צווישן אַנסדעקטע פֿאָרמעס אין די זעלביקע איינסן אין צוויי וואַריאַנטן. די פֿאָנעטיק פֿון אַמאָל ווערט אונדז בלית ברירה בלײַבן אומבאַקאַנט און די איז במילא ווייניקער וויכטיק און אינטערעסאַנט איידער די פֿאָנאָלאָגיע — די סיסטעם אָפּאָזיציעס וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די קאָנטראַסטן וואָס דערמעגלעכן אַז „די שפּראַך" זאָל זײַן מסוגל צו פֿונקציאָנירן. פֿון די סינכראָניש־אָבזערווירטע פֿאָנעמען (ד"ה די אָפּאָזיציאָנעלע קלאַנגען/פֿאָנען) אין איטלעכן וואַריאַנט און זייערע ענטפֿערערס אין אַנדערע וואַריאַנטן, שטעלט מען אויף רשימות קאָרעספּאָנדענצן (ד"ה דיאַפֿאָנעמען) פֿון וועלכע מען רעקאָנסטרואירט די סיסטעם אָפּאָזיציעס אין דער פּראָטאָ־שפּראַך ווי אויך (אויף ווי ווײַט מעגלעך!) די בײַטן (ד"ה צונויפֿפֿאַלן, שפּאַלטונגען און איבערדרוקן) וואָס האָבן זיך על־פּי שׂכל פֿאַרלאָפֿן אין גאַנג פֿון דער צײַט און וואָס האָבן דערפֿירט אַזש ביז צו דער הײַנטיקער פּאָלאַזשעניע. צו דער נאָטאַציע: שפּיציקע קלאַמערן < > נעמען אַרום אָרטאָגראַפֿישע (ד"ה קאָנווענציאָנעלע) שרײַבונגען, באַלכסנדיקע קלאַמערן \ \ נעמען אַרום פֿאָנעמישע טראַנסקריפּציעס, קאַנטיקע קלאַמערן [ ] נעמען אַרום פֿאָנעטישע טראַנסקריפּציעס, האַלבע לבֿנות ( ) נעמען אַרום פֿאָרמעס וואָס זײַנען

לאַו דווקא. פֿאַלן מיט אַ פּאַסיקל, ד"ה ← 'װערט' און → 'פֿון' װײַזן אָן אויף פּראָצעסן (בלע"ז rules) אין דער שײַכותדיקער <u>סינכראָנישער</u> פֿאָנאָלאָגישער סיסטעם (צי אַן איצטיקע צי אַן אַמאָליקע, צי אַן אַקטועלע צי אַ רעקאָנסטרויִרטע), בעת פֿאַלן אָן אַ פּאַסיקל, ד"ה › 'איז געװאָרן' און ‹ 'שטאַמט פֿון' װײַזן אָן אויף פּראָצעסן אין דער דיאַכראָניע פֿון דער סיסטעם (בלית ברירה תמיד אַ רעקאָנסטרוקציע).

דוגמא:

| איינס | באַדײַט | „פּויליש" | „ליטוויש" | דיאַפֿאָנעם |
|---|---|---|---|---|
| ⟨זון⟩ | 'שמש' | zĭn | zun | ĭ ‖ u |
| ⟨זין⟩ | 'שכל' | zĭn | zin | ĭ ‖ i |
| ⟨זון⟩ | 'בן' | zīn | zun | ī ‖ u |
| ⟨זין⟩ | 'בנים' | zīn | zin | ī ‖ i |

צום עצם אַנאַליז פֿון די איזאָלירטע באַטאָנטע װאָקאַלן: די פֿיר דיאַפֿאָנעמען (א: ĭ‖u, ב: ĭ‖i, ג: ī‖u, ד: ī‖i) שטעלן מיט זיך פֿאָר די איזאָלירטע קאָרעספּאָנדענצן. ס'קען טעאָרעטיש געמאָלט זײַן אַז אין ב אָדער ד למשל זײַנען די פֿאָרמעס אין די בײדע װאַריאַנטן ממש אידענטיש פֿאָנעטיש (ד"ה פֿידיש) אָבער דאָך זײַנען דאָס סטרוקטורעל גערעדט פֿאַרשײדענע אײנסן מחמת דעם װאָס אין „ליטוויש" איז לענג ניט פֿאָנעמיש בעת אין „פּויליש" איז לענג יאָ פֿאָנעמיש און דעם היסטאָרישן לינגוויסט אינטערעסירן דאָך סיסטעמען אָפּאָזיציעס, ניט באַװעגונגען פֿון דער צונג סתם... מען קען דאָ רעקאָנסטרויִרן פֿיר פּראָטאָ־װאָקאַלן. אין אײן װאַריאַנט („ליטוויש") קען מען פּאָסטולירן אַז ס'זײַנען צונויפֿגעפֿאַלן לאַנגע און קורצע װאָקאַלן (ד"ה V ← [-לאַנג], דערפֿאַר: /ī/*, /ĭ/* ← /i/ און /ū/*, /ŭ/* ← /u/) בשעת אין צווייטן װאַריאַנט („פּויליש") זײַנען על־פּי איבערדרוק צונויפֿגעפֿאַלן די הינטערשטע הויכע װאָקאַלן מיט די

פֿאָדערשטע, ד״ה /ū/*, /ī/* ← /ī/ און /ŭ/*, /ĭ/* ← /ĭ/. אויב שוין אַזוי איז אין דער שײַכותדיקער פּראָטאָ־שפּראַך צום געפֿינען די פֿיר פּראָטאָ־וואָקאַלן /ū/*, /ŭ/*, /ī/* און /ĭ/*. צי מען באַנוצט זיך מיט ← צי מיט > איז געווענדט מער אין דער פֿילאָסאָפֿישער ריכטונג פֿונעם לינגוויסט אײדער אין אַ ממשותדיקן חילוק אין דער רעקאָנסטרוקציע גופֿא.

## 2. דער באַגריף „דיאַלעקט“.

להיפּוך צום וויסנשאַפֿטלעך־נײטראַלן וואָרט „וואַריאַנט“ וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר גאָרניט (אַחוץ אפֿשר אַן אָנצוהערעניש אַז כּאָטש אײן מענטש באַנוצט זיך כּאָטש אײן מאָל אין אַ שיטה מיטן קאָמפּלעקס אָנגעווײזענע פֿאָרמעס!) איז דער טערמין <u>דיאַלעקט</u> אַן אָנווײַז אויף די ווײַטערדיקע שטריכן:

(א) אַ (קאָ)דיאַלעקט שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ וואַריאַנט וואָס ווײַזט אַרויס בשותּפֿותדיקע שטריכן אויף אַ מער אָדער ווײניקער אָנזעעוודיקן שטח און אין אַ מער אָדער ווײניקער אָנזעעוודיקער תּקופֿה. די מאָסן זײַנען פֿאַרשטײט זיך סובייעקטיווע.

(ב) אַ דיאַלעקט איז במילא אַן אונטערחלק פֿון אַן אײבערסיסטעם אין וועלכער ער פּאַסט זיך אַרײַן לויט אַ רײ אויפֿגעווײזענע אָדער דאָקומענטירטע כּסדרדיקע קאָרעספּאָנדענצן. אַז ס׳זײַנען ניטאָ קײן אַנדערע דיאַלעקטן וואָס לאָזן זיך אויך צוריקפֿירן אויף דער אײגענער פּראָטאָ־שפּראַך איז ניטאָ וואָס צו רעדן וועגן אַ „דיאַלעקט“.

(ג) היות ווי אין גאַנג פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע פּעקלען זיך מענטשן אַריבער פֿון אײן אָרט אויף אַ צווײטן און היות ווי איסאָגלאָסן האָבן אַ נטיה אַרומצושפּאַצירן איבער דער לאַנדשאַפֿט איז עס אַ סך מער אויפֿן אָרט צו באַטראַכטן דיאַלעקטן ווי „אַ ביסל אידעאַליזירטע“ וואַריאַנטן פֿון „שפּראַך“ אײדער פֿעסטע סיסטעמען וואָס זײַנען תּמיד צום קאָרעלירן מיט אַ שטח אויף דער מאַפּע. אַזוי אַרום איז בעסער צו באַטראַכטן, למשל, „ליטוויש“ און „פּויליש“ ווי

נוצלעכע אויסגאַנגספּונקטן (און די אָפּשילדערונגען פֿון פּשוטע פֿאָלקסמענטשן זײַנען מי יודע ווי וויכטיק!) וואָס דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָג דאַרף ערשט „צונויפֿקלעפּן אויפֿסנײַ״.

## 3. די קלאַסיפֿיקאַציע פֿון די ייִדישע דיאַלעקטן.

פֿאַראַן אַ סך קלאַסיפֿיקאַציעס, יעדע איינע שטעלט מיט זיך פֿאָר געוויסע מעלות און חסרונות און דער עיקר—פֿאַרשיידענע אינטערעסן. דאָ ווערט נאָכגעפֿאָלגט קאַץ (1983).

די היסטאָרישע ייִדישע שפּראַך־טעריטאָריע ווערט צעטיילט אויף צוויי הויפּט־גרופּעס, מערבֿ ייִדיש (מערסנטייל אויסגעשטאָרבן) און מיזרח ייִדיש (וואָס נעמט אַרום אַלע הײַנטיקע וואַריאַנטן פֿון ייִדיש). ביידע ווערן זיי צעטיילט אויף דרײַ דיאַלעקטן: מערבֿ ייִדיש צעטיילט זיך אויף צפֿון־מערבֿ ייִדיש (האָלאַנד, צפֿון־דײַטשלאַנד), צענטראַל־מערבֿ ייִדיש (צענטראַל־דײַטשלאַנד) און דרום־מערבֿ ייִדיש (עלזאַס, שווײַץ, דרום־דײַטשלאַנד); די לעצטע צוויי אין איינעם וואָס האָבן אַ סך בשותּפֿותדיקע שטריכן פֿאָרמירן דעם דרומדיקן מערבֿ ייִדיש. מיזרח ייִדיש צעטיילט זיך אויף צפֿון־מיזרח ייִדיש (ליטע, לעטלאַנד, ווײַסרוסלאַנד), צענטראַל־מיזרח ייִדיש (קאָנגרעס־פּוילן, מערבֿ גאַליציע, מיזרח אונגאַרן) און דרום־מיזרח ייִדיש (אוקראַיִנע, רומעניע, מיזרח גאַליציע). די לעצטע צוויי אין איינעם וואָס האָבן אַ סך בשותּפֿותדיקע שטריכן פֿאָרמירן דעם דרומדיקן מיזרח ייִדיש.

## 4. די סיסטעם דיאַפֿאָנעמען.

די ייִדישע דיאַלעקטן דיפֿערענצירן זיך סיסטעמאַטיש אין אַ גאַנצער רײ לינגוויסטישע שטריכן (פֿאָנאָלאָגישע, לעקסישע, סעמאַנטישע, סינטאַקטישע אא״וו). סיסטעמאַטישע דיפֿערענצירונג איז טײַטש אַז די זעלביקע (איזאָלירטע) אונטערשיידן טרעפֿן זיך אין די זעלביקע איינסן („ווערטער״) אין הונדערטער צי אין טויזנטער פֿאַלן, אַ ראיה אויף גענעטישער אָפּשטאַמונג פֿון אַ פּראָטאָ־שפּראַך פֿון אַ

גאָר גרויסן חלק פֿון די אַלע דיאַלעקטן.

מער ווי אַלצדינג וואַרפֿט זיך אין די אויגן די אויסגעהאַלטענע קאָרעספּאָנדענצן צווישן די סיסטעמען באַטאָנטע וואָקאַלן אין אַלע ייִדישע דיאַלעקטן. אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן וואָקאַליזם זײַנען בדרך כּלל פֿאַרטונקלט געוואָרן די ניט־באַטאָנטע וואָקאַלן אַזוי אַרום אַז די מערסטע פֿאָנעמען וואָקאַלן ווײַזן זיך אַרויס נאָר און בלויז אונטערן טראָפּ.

אויסגעפּלאָנטערט דעם היסטאָרישן ייִדישן וואָקאַליזם האָט דער ערשטער יחיאל פֿישער. שלמה בירנבוים ביז הונדערט און צוואַנציק און מער האָט אויפֿגעשטעלט די יסודות פֿונעם מערבֿ־ייִדישן וואָקאַליזם. די ווײַטערדיקע סיסטעם שטעלט מיט זיך פֿאָר מאַקס ווײַנרײַכס (1960; 1973) סיסטעם דיאַפֿאָנעמען לויט די מאָדיפֿיקאַציעס אין קאַץ (1982; 1983).

פֿון אַלע דאָקומענטירטע ייִדישע דיאַלעקטן לאָזן זיך איזאָלירן מערניט <u>זעכצן דיאַפֿאָנעמען</u> (לויט קאַצן; על־פּי ווײַנרײַכן איז עס צוואַנציק) וואָס ווערן דאָ געבראַכט. איטלעכע פֿון די זעכצן דיאַפֿאָנעמען האָט אַ צווייציפֿערדיקן נומער. דער ערשטער ציפֿער ווײַזט אָן אויף מאַקס ווײַנרײַכס פֿאָרגעשטעלטן פּראָטאָ־קלאַנג (ברייט גערעדט!) לויטן קאָד /a/* = 1, /e/* = 2, /i/* = 3, /o/* = 4, /u/* = 5. בכדי אונטערצושטרײַכן די טענטאַטיווקײַט פֿון די אַמאָליקע וואָקאַלישע איכותן איז ווײַנרײַך אַריבער אויף גרויסהאַנטיקע לאַטײַנישע אותיות לויטן זעלביקן קאָד, דהײַנו A = 1, E = 2, I = 3, O = 4, U = 5. דער צווייטער ציפֿער באַדײַט די סעריע צו וועלכער ס׳געהערט דער שײַכותדיקער וואָקאַל לויטן קאָד 01 = היסטאָרישע קורצע וואָקאַלן, 02 = היסטאָריש לאַנגע וואָקאַלן, 03 אָדער 05 = פֿאַרלענגערטע וואָקאַלן (ד״ה היסטאָריש קורצע וואָקאַלן וואָס זײַנען פֿאַרלענגערט געוואָרן גאָר פֿרי אין דער געשיכטע פֿון ייִדיש), און 04 = היסטאָרישע דיפֿטאָנגען. אַזוי אַרום, למשל איז „וואָקאַל 21" (-„Ei") טײַטש אַז ס׳רעדט זיך וועגן אַ וואָקאַל וואָס וואַקסט פֿון עפּעס אַ מין /e/* און טראָגט דעריבער דעם נומער 2 אין דער ערשטער פּאָזיציע; אַז ס׳איז

אַ היסטאָריש קורצער װאָקאַל און טראָגט דערפֿאַר דעם צװייטן נומער 1 (ד״ה אַז ס׳געהערט דער סעריע 01). װי בײַ אַלע אַנדערע װאָקאַלן אין דער סיסטעם איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך אַז ס׳רעדט זיך װעגן אַ באַטאָנטן װאָקאַל װאָס טרעפֿט זיך אין אַלע יידישע דיאַלעקטן אין אַן אַנזעעװדיקער צאָל אײנסן.

ראָשי־תיבות:

דר״מב = דרום־מערב יידיש

צנ״מב = צענטראַל־מערב יידיש

צפ״מב = צפון־מערב יידיש

דר״מז = דרום־מזרח יידיש

צנ״מז = צענטראַל־מזרח יידיש

צפ״מז = צפון־מזרח יידיש

## *סעריע 01: היסטאָריש קורצע װאָקאַלן*

**װאָקאַל 11 (A1):**

אַלט, זאַלץ, ים, כלה.

דר״מב ă | צנ״מב ă | צפ״מב ă | דר״מז a/ɔ | צנ״מז ă | צפ״מז a.

**װאָקאַל 21 (E1):**

אמת, גט, העלפֿן, נעמען (מערב).

דר״מב ɛ | צנ״מב ɛ | צפ״מב ɛ | דר״מז ɛ | צנ״מז ɛ | צפ״מז ɛ.

**װאָקאַל 31 (I1):**

ניבור, גליטשיק, זילבער, כישוף.

דר״מב ɪ | צנ״מב ɪ | צפ״מב ɪ/e | דר״מז i/ɪ/ʌ | צנ״מז ɪ | צפ״מז i.

**מאָקאַל 41 ($O_1$):**

אָקס, חכמה, טאָלטער, קול.

דר"מב c | צנ"מב c | צפ"מב c | דר"מז c | צנ"מז c/ǯ | צפ"מז c.

**מאָקאַל 51 ($U_1$):**

הונט, חוצפה, קומען, שותפות.

דר"מב ŭ | צנ"מב ŭ | צפ"מב ɤ/ŭ | דר"מז ı/ɣ/ı | צנ"מז ɣ | צפ"מז ı.

*סעריע 02: היסטאָרישׂ לאַנגע מאָקאַלן*

**מאָקאַל 12 ($A_2$):**

בלאָזן, יאָר, לבנה, פנים.

דר"מב ŏ/uc/ɑ | צנ"מב ɑ | צפ"מב ŏ | דר"מז u | צנ"מז u | צפ"מז c.

**מאָקאַל 22 ($E_2$):**

אײביק, בהמה, װײטיק, חלק.

דר"מב ɛj | צנ"מב ɵ̄ | צפ"מב ɛj | דר"מז ɛj/ɵj | צנ"מז aj | צפ"מז ɵj.

**מאָקאַל 32 ($I_2$):**

בריוו, דיס, מדינה, נביאים.

דר"מב ɪ | צנ"מב ɪ | צפ"מב ɪ | דר"מז ɪ/ı | צנ"מז ɪ | צפ"מז ı.

**מאָקאַל 42 ($O_2$):**

ברויט, װאוינען, חודש, שוטה.

דר"מב uc | צנ"מב ŏ | צפ"מב uc | דר"מז jc | צנ"מז cj | צפ"מז ɵj.

**חאָקאַל 52 ($U_2$):**

בוך, בושה, ברודער, רפֿואה.

דר"מב u/ʊ | צנ"מב ʊ | צפ"מב ʊ | דר"מז i/ɪ | צנ"מז ɪ | צפ"מז u.

## *סעריע 03 (05\): פֿאַרלענגערטע חאָקאַלן*

**חאָקאַל 13 ($A_3$):**

דאָגן, טאָג, נאָמען, שלאָגן.

דר"מב ā | צנ"מב ā | צפ"מב ɔ̄ | דר"מז u | צנ"מז u | צפ"מז ɔ.

**חאָקאַל 25 ($E_5$):**

בגד, מחותנתטע, מער, נעמען (לשון רבים פֿון נאָמען)

דר"מב ɛj/ē | צנ"מב ī | צפ"מב ē | דר"מז i/ī/ej | צנ"מז ej | צפ"מז ɛ.

## *סעריע 04: היסטאָרישע דיפֿטאָנגען*

**חאָקאַל 24 ($E_4$):**

זייגער, פֿלייש, קלייד, רייבערן.

דר"מב ā | צנ"מב ā | צפ"מב ā | דר"מז ɛj/ej | צנ"מז aj | צפ"מז ej.

**חאָקאַל 34 ($I_4$):**

באַשײַמפּערלעך, חײַן, לײַלעך, צײַט.

דר"מב aj | צנ"מב aj | צפ"מב ɛj | דר"מז a | צנ"מז ā | צפ"מז aj.

**חאָקאַל 44 ($O_4$):**

אויג, בוים, טויב ('קען ניט הערן'), לויפֿן.

דר"מב ā | צנ"מב ā | צפ"מב ā | דר"מז ɔj | צנ"מז ɔj | צפ"מז ej.

**חאַקאַל 54 (U4):**

**בויך, זויער, טויב (אַ מין פויגל), מויד.**

**דר״מב 5uc | צנ״מב 5uc | צפ״מב 5uc | דר״מז u/ou | צנ״מז ou | צפ״מז oc.**

**5. דאָס צונויפֿפֿירן פֿאָרמעס מיט ציפֿערן.**

ס׳איז אַ פּשוטער ענין, מען דאַרף נאָר צוטשעפּענען דעם צווייציפֿערדיקן נומער צו דער פֿאָרמע, למשל: צפֿון־מזרח ייִדיש ej22/24/42/44 ענטפֿערט אויף ~~מערב־ייִדיש~~ צענטראַל־מזרח ייִדיש aj22/24 און cj42/44.

[illegible]
[illegible]
[illegible]

# די היסטאָרישע יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע

## אַ קאָנספּעקט

### 1. טײַלווײַזע אידעאַליזירטקייט.

פֿאַרגעדענקען דאַרף מען כּסדר אַז די דיאַפֿאָנעמען וואָס ווערן געבראַכט אין דער רשימה (זען צווייטע לעקציע) שטעלן מיט זיך פֿאָר טיילווײַז־אידעאַליזירטע פֿאָרשטעלונגען מחמת צוויי טעמים — ראשית, ווײַל לאָקאַלע עטימאָלאָגישע אויסנאַמען (און ווי אַ פּועל־יוצא זײַנען די במילא אויסנאַמען כּלפּי דער סיסטעם גאַנצערהייט) ווערן בכּלל ניט רעפּרעזענטירט; והשנית ווײַל אינעווייניקסטע לאָקאַלע וואַריאַציעס (באַוואוסטע — למשל אין צענטראַל־מזרח יידיש און אומבאַוואוסטע, למשל אין צענטראַל־מערבֿ יידיש) ווערן צו דער סטאַדיע ניט גענומען אין באַטראַכט.

### 2. אַטאָמיזם כּנגד סטרוקטוראַליזם.

דער אַטאָמיזם פֿון דער רעפּרעזענטאַציע און ווי אים בײַצוקומען. אין דער רשימה ווערן דאָך פֿאַרגליכן ענטפֿערנדיקע פֿאָרמעס אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן אויף צו זען וואָס פֿון איטלעכן פּראָטאָ־וואָקאַל איז געוואָרן אין איטלעכן וואַריאַנט. דאָס איז אַלץ רויוואַרג — „טרוקענע פֿאַקטן“ — וואָס וואַקסט פֿון דער סיסטעמאַטיזירונג פֿון די אַנטדעקטע קאָרפּוסן פֿון אַקטועלע איינסן אין

איטלעכֿן װאַריאַנט. בעתּ אָט די „טרוקענע פֿאַקטן" האָבן באַפֿרידיקט דעם „קלאַסישן דיאַלעקטאָלאָג" װעמען דער עיקר איז געװען װײַזן װאו (מען זאָגט אַזוי און אַזוי), װאָס (מען זאָגט װאו) און פֿון װאַנעט (שטאַמט אַזאַ און אַזאַ פֿאָרמע) צילט זיך דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָג אויף דער אויפֿדעקונג פֿון דער היסטאָרישער דינאַמיק װאָס האָט דערפֿירט צו די מאָדערנע װאַריאַנטן אין דער שפּראַך. און דער מאָדערנער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָג פֿאַרשטײט גוט אַז דער אויסגאַנג־פּונקט פֿון דער דיאַכראָניע איז לית־ברירה די קאָמפּלעקסן סינכראָנישע סיסטעמען פֿאָנאָלאָגיע (אָדער מאָרפֿאָלאָגיע, סינטאַקס אאז״װ), סײַ אויפֿגעװיזענע, סײַ גאַנצענע סיסטעמען רעקאָנסטרויִרטע (צי געדרונגענע פֿון מאָנומענטן וכּו׳).

## 3. סיסטעם־קאָנסטרוקציע.

דער סינכראָנישער פּויל־יוצא פֿון דער סיסטעם דיאַפֿאָנעמען (באַטאָנטע װאָקאַלן) זײַנען דאָס די סינכראָנישע סיסטעמען פֿון באַטאָנטן װאָקאַליזם פֿון איטלעכֿן װאַריאַנט, ד״ה די עמפּיריש־אמתּע פֿאָנאָלאָגיעס מיט װעלכֿע מען רעדט ייִדיש (להיפּוך צו די געפֿאַלמעסטע פֿאַרװאָגלטע קאָרעספּאָנדענצן אינעם דיאַלעקטאָלאָגס װאַרשטאַט). ואלו הן —

## (א) דרום־מערב ייִדיש

ī32 ū/ü52

ĭ31 ŭ51

ē25 ō12

ɛj22(/25) ɔu(12/)42/54

ɛ21 ɔ41

aj34

ā13/24/44

ă11

## (ב) צענטראַל־מערב ייִדיש

ī25/32 ū12/52

ĭ31 ŭ51

ē22 ō42

ɔu(12/42)54

ɛ21 ɔ41

aj34

ā13/24/44

ă11

## (ג) צפון־מערב ייִדיש

ī32          ū52

ĭ31          ŏ51

ē25          ō12/13

ɛj22/34          ɔu42/54

ɛ21/31          ɔ41

ā24/44

ă11

## (ד) דרום־מזרח ייִדיש

ī32/52          u12/13/54

ĭ25/31/51          ŭ51

ō25          ō12

ej22/24/(/25)          ɔj42/44

ɛ21          ɔ11/41

a(11/)34

## (ה) צענטראַל־מזרח ייִדיש

| | | |
|---|---|---|
| ī32/52 | | ū12/13 |
| ĭ31/51 | | ŭ12/13 |
| ej25 | | ou54 |
| | | ɔj42/44 |
| ɛ21 | | ɔ41 |
| | aj22/24 | |
| | ā34 | |
| | ă11 | |

## (ו) צפון־מזרח ייִדיש

| | | |
|---|---|---|
| i31/32 | | u51/52 |
| ej22/24/42/44 | | ɔj54 |
| ɛ21/25 | | ɔ12/13/41 |
| | aj34 | |
| | a11 | |

# די היסטאָרישע יידישע דיאַלעקטאָלאָגיע

## אַ קאָנספּעקט

**1. צו דער סיסטעם־קאָנסטרוקציע פֿון די דיאַלעקטן.**

די סיסטעמען סינכראָניש־רעאַלע באַזאָנטע וואָקאַלן מיט וועלכע יידיש ווערט גערעדט (← דריטע לעקציע) ווערן אויפֿגעשטעלט אויפֿן סמך פֿון דער צונויפֿקלײַבונג פֿון די שײַכותדיקע פֿאָנעמען וואָס געהערן צו וועלכן ניט איז איין־איינציקן דיאַלעקטישן שטח (← צווייטע לעקציע) און וואָס זײַנען דער פּועל־יוצא פֿון דעם דיאַלעקטאָלאָגס איזאָלירן כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענצן (← ערשטע לעקציע). די דיאַלעקטן זײַנען ניט קיין פֿאַנטאַזיע מחמת דעם וואָס זיי וואַקסן פֿון עמפּיריש־אָבסערווירלעכע פעקלעך איסאָגלאָסן וואָס טיילן אָפּ געאָגראַפֿיש־דעפֿינירלעכע שטחים. פֿון דער אַנדערער זײַט מוז דאָך זײַן אַ געוויסע מאָס אידעאַליזירטקײַט ווײַל קיין איינאיינציקע סיסטעם קען מיט זיך ניט פֿאָרשטעלן די הונדערט־פּראָצענטיק גענויע אָפּשפּיגלונג פֿון גרעסערע מאָסן שפּראַך־באַנוצער. צי מען הערט זיך צו צום אינפֿאָרמאַנט אויף צו דאָקומענטירן פֿאָרמעס צי מען באַמיט זיך אַנאַליזירן טעקסטן אויף צו אַנטפּלעקן אויפֿגעווייזענע פֿאָרמעס, מוז מען תמיד באַטראַכטן די „קלאַסישע דיאַלעקטן" ווי אויסגאַנג־פּונקטן קעגן וועלכע מען קען נעמען אַנאַליזירן אויף־אַן־אמת אָבסערווירטע פֿאַקטן.

**2. דער באַגריף „קאָרפּוס" און ווי אַזוי מ'ניט זיך אַן עצה דערמיט.**

דער קאָרפּוס איז דער טעקסט פֿון פֿאַקטישער רייד אָדער שריפֿט וואָס איז איבער צופֿעליקע טעמים צו דער דיספּאָזיציע. די

גורמים צו דער באַגרענעצונג פֿון קאָרפּוס קענען זײַן אינעװײניקסטע (אַשטײגער: אַ טאַשמע איז כולל דאָס אַלץ װאָס האָט זיך אױפֿגעהיט פֿון אַן אינפֿאָרמאַנט װאָס לעבט שױן ניט) אָדער דרױסנדיקע (דער דיאַלעקטאָלאָג װאָס איז געניט אין אַבסטראַהירן ניך װאָס מ׳דאַרף באַשליסט באַװאוסטזיניק ניט צו אַנאַליזירן דעם גאַנצן מאַטעריאַל). דער עיקר איז אַז מען דאַרף פּשוט גערעדט קענען די מלאכה פֿון אַנאַליזירן דעם קאָרפּוס. צום סינכראָנישן אַנאַליז איז אַלצדינג אָן אױסנאַם גלײַכמאָסיק שײך. דעם היסטאָרישן דיאַלעקטאָלאָג איז די עצם פֿאַרגלײַכלעכקײַט מיט אַנדערע װאַריאַנטן (בתּוכם — אַנדערע דיאַלעקטן און די ענטפֿערנדיקע טײלן פֿון גענעטיש־קרובֿישע לשונות) אַן עיקר־זאַך. פֿון דעם איז געדרונגען אַז דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָג דאַרף זײַן בכוח מבֿחין צו זײַן צװישן היסטאָריש־באַדײַטנדיקע פֿאָרמעס און סתם־צופֿעליקע. צװישן די סתם־צופֿעליקע געפֿינען זיך אױך די קאָמבינאַטאָרישע (דער עיקר: אַלאָפֿאָנען און אַלאָגראַפֿן). דער געניטער היסטאָרישער לינגװיסט װעט אָבער קײנמאָל ניט „באַהאַלטן" פּרטים — פֿאָנעטישע צי אַנדערע — מחמת דעם װאָס מען קען דאָך ניט װיסן װאָסערע פּרטים װעלן זיך אַמאָל אַרױסװײַזן פֿאַר װיכטיק. װיכטיק איז אָבער יאָ אַז בײַם פֿאָנאָלאָגישן פֿאַרגלײַך זאָלן געמאַכט װערן די נײטיקע אַבסטראַהירונגען.

### 3. מוסטערן פֿון ברײט־פֿאָנעטיש טראַנסקריבירטע קאָרפּוסן:

(א): „װילנע"

măjn brūdəɣ ɛljɔ̄hu zɔ̆kt ădĭ vɛltĭ givɔ̄ɣṇ gɔ̄ɣnĭdɔ̆z vɔ̆śamɔl. amɔl ămĭ
flɛkt vɛln māxṇ tĭnt hɔ̆tmĭn, zɔ̆ktəɣ, bădăſt kēj̄fṇ ɛ̄palax, dī ɛ̄pălăx
cĭklāpṃ, nɔ̆ɣdem kɔ̄xṇ zəj ăfṇ fājəɣ, vējśĭɣ vīḷ, nɔ̆ɣdəm ăɣájnvăɣfṇ
kūpəɣ-văśəɣ; un gdej dĭ tĭnt zḷ glăncṇ, hɔ̆tmĭnɔ̆ɣ gĭmŭśt cūgɛbṃ ă śtĭkḷ
cūkəɣ – ă găncəɣ tăɣăɣām.

(ב): „װאַרשע"

mā: brīdɔ̆ ăjlĭūī zūkt ădĭ vɛltĭ gĭvɔ̄rṇ gūɔ̆nĭśdūz vŭsămūĭl. ămūĭl ămĭ
flējkt vɛlṇ măxṇ tĭnt ɔ̆tmĭn, zŭktă, bădārĭft kɔ̆jfṇ ɛpălăx, dĭ ɛpălăx cĭklăpṃ,
zāj nūəx dējm kɔ̆xṇ zēj ōŭfn faĭ, văjsəx vīḷ, nūəx dējm arā:vărıfṇ kĭpər-văsər;
ĭn kĭdā dĭ tĭnt zḷ glăncṇ, ɔ̆tmınɔ̆ɣ gĭmĭst cīgējbṃ ă štıkḷ cĭkɔ̆ – a găncɔ̆
tărĭrăm.

## 4. מוסטערן פֿון פֿאָנעמיש־טראַנסקריבירטע קאָרפּוסן:

### (א) „װילנע"

majn brudər ɛljɔhu zɔgt az di vɛlt iz givɔrən gɔrnis dɔs vɔsamɔl. amɔl az mə flɛgt vɛlən maxən tint hɔt mən, zɔgt ɛr, badarft kejfn ɛpalax, di ɛpalax ciklapən, nɔx dɛm kɔxn zəj afn fajər, vejsix vifəl, nɔxdəm arajnvarfən kupər-vasər; un kedej di tint zɔl glancən, hɔt mən nɔx gimuzt cugebən a stikəl cukər — a gancər tararam.

### (ב) „װאַרשע"

mān brīdər ajlijūhī zugt az di vɛlt iz givɔrən gurniš dus vus amūl. amūl az mə flɛgt vɛlən maxən tint hɔt mən, zugt ejr, badarft kɔjfn ɛpalax, dī ɛpalax

zaj cəklapən, nux dejm kɔxən zej oufn fāər, vajs ix vīfəl, nux dejm arānvarfən kipər-vasər; in kidā dī tint zɔl glancn, hɔt mən nɔx gəmizt cīgejbən a štikl cikər — a gancər tarəram.

## 5. דער מהלך פֿון דער פֿאָנעטיק ביז דער פֿאָנאָלאָגיע.

דער יסודותדיקער פּרינציפּ איז אַז דאָס אַלץ װאָס לאָזט זיך „פּראָװיסזאָגן" אַז מ'שטעלט אויף *סינכראָנישע פּראָצעסן* (דער עיקר קאָמבינאַטאָרישע בײַטן און נײטראַליזירונגען) געהערט צו דער „בידעריקער" ד"ה „פֿיזישער" מדרגה פֿונעם אַנאַליז בעת דאָס אַלץ װאָס לאָזט זיך ניט רעדוצירן װײַטער, דאָס זײַנען די פֿאָנעמישע אָפּאָזיציעס װאָס זײַנען דעם היסטאָרישן לינגװיסט צום האַרצן. אָט זײַנען עטלעכע דוגמאות פֿון די פּראָצעסן אויף װעלכע מען פֿאַרלאָזט זיך אויף צו כשרן די פֿאָנאָלאָגישע טראַנסקריפּציע (װאָס שטעלט מיט זיך פֿאָר נאָך אַלעמען אַן אונטערדריקונג פֿון אָבסטראַהירטע פֿאַקטן).

Predict Redundant / Synchronic R

*װי צו „װילנע" אי צו „װאַרשע"*:

(א) רעגרעסיװע אַסימילאַציע אין דער שטימיקײַט:

C → ± [שטימיקײַט] \ ___ ($)(##) ± [שטימיקײַט]

דעריבער: [dɔẕ vɔs] = /dɔs̱ vɔs/, [duẕ vus] = /dus̱ vus/.

[gimus̱t] = /gimuẕt/, [gimis̱t] = /gimiẕt/.

ראיה: <u>דאָס אַלץ</u> [dɔs̱alc/dus̱aləs] <u>(מיר) מוזן</u> [muẕn/miẕn]

(ב) פֿאַרשווינדונג פֿון שוואַ פֿאַר די סאָנאָראַלע קאָנסאָנאַנטן:

[V+ C+] ___ [V- C+] \ ∅ ← ə

דעריבער: [maxn̩] = /maxə̱n/, [štikl̩] = /štikə̱l/.

ראיה: <u>בוידעם</u> [bejdə̱m/bɔjdə̱m], <u>חושך</u> [xejšə̱x/xɔjšə̱x].

*נאָך צו ווילנע׳:*

(א) V ← [+לאַנג] <u>[+טראָפּ]</u> \ $\$$.

דעריבער: [kẹ́jfn̩] = /kéjfn/.

ראיה: <u>(איך) קויף</u> [ke̱jf].

*נאָך צו וואַרשע׳:*

(א) געסדרטע פּראָצעסן: וואָקאַלישע פֿאַרענדערונג פֿאַר r און דאָס פֿאַרשוואונדן ווערן פֿון r גופֿא —

ordered Rules

1. ə ← [+הינטערשט] \ ___ r$\$$.
2. r ← ∅ \ ___ $\$$.

דעריבער: [brīdɔ̱] ← |brīdɔ̱r| ← /brīdə̱r/.

ראיה: <u>ברידעריש</u> [brīdə̱riš].

(ב) געסדרטע פּראָצעסן: נאַזאַליזאַציע פֿאַר n און דאָס פֿאַרשוואונדן ווערן פֿון n גופֿא —

1. V ← [+ נאַזאַל] \ ___ n$\$$.
2. n ← ∅ \ ___ $\$$.

דעריבער: [mã̱:] ← |mã̱ṉ| ← /maṉ/.

ראיה: <u>מײַנע</u> [mā̱nə].

### 6. סך־הכּל פֿון דער מעטאָדאָלאָגיע.

דער אַנאַליז פֿון אַ קאָרפּוס פֿון אַן איינאיינציקן וואַריאַנט ריין סינכראָניש, לויט דער שיטה וואָס ווערט אילוסטרירט אין די געבראַכטע דוגמאות, באַזירט זיך אויף גזירה־שווהס פֿון פֿאָרמעס אין נייטראַלידירטער אָדער איבערגעגאַנגענדערשטער געשטאַלט אין אַ ספּעציפֿישער פֿאָנעטישער שכנות מיט די אייגענע פֿאָרמעס ניט־נייטראַלידירטערהייט, און דאָס פֿאָרמולירן סיסטעמאַטיש די גרונט־פֿאָרמע, דעם בייט און זיין שייכותדיקע שכנות און די אויבנאויפֿיקע פֿאָרמע אויף דער פֿאָנעטישער מדרגה. דורכן אויפֿשטעלן אָפּגעהיטערהייט אָט אַזאַ מין דעריוואַציע וואָס הייבט זיך אָן ביי דער פֿאָנעטיק און לאָזט זיך אויס ביי דער פֿאָנאָלאָגיע איז מען מסוגל אונטערצושיידן צווישן דעם ח ו מ ר פֿון דער שפּראַך און דער ס י ס ט ע ם פֿון דער שפּראַך.

### 7. דער טעאָרעטישער פּועל־יוצא פֿון דער „פֿאָנאָלאָגיזאַציע" פֿונעם קאָרפּוס.

פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער היסטאָרישער דיאַלעקטאָלאָגיע זיינען די „אונטערשטע" פֿאָנעטישע פּראָצעסן אין וועלכן ניט איז איינאיינציקן דיאַלעקט — כּל זמן זיי געהערן נאָר און בלויז צו איין אָרט, ציט און וואַריאַנט — ניט מער ווי דער אויסגאַנגפּונקט. צומאָל קענען די אונטערפֿאָנאָלאָגישע שטריכן האָבן אַ גרויסע היסטאָרישע חשיבֿות אָבער אינעם רובֿ פֿאַלן איז גראָד פֿאַרקערט: דאָס באַנוצן זיך מיט אַלאָפֿאָנען און אַלאָמאָרפֿן פֿאַר זיך וואָלט אַריינגעפֿירט אַ שלל מיט איבעריקער אינפֿאָרמאַציע וואָס קען דערפֿירן צו פּלאָנטערנישן. אַנדערש געערדט הייסט דאָס אַז די פֿאָנאָלאָגיזאַציע פֿונעם קאָרפּוס אינעם דיאַלעקטאָלאָגס וואַרשטאַט שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס צוגרייטן דעם קאָרפּוס צו דער עצם רעקאָנסטרוקציע.

□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□
□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□
□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□□

extrapol
from the
unknow
to the kn

the actu
surface
fonetic f

# די היסטאָרישע ייִדישע דיאַלעקטאָלאָגיע

## אַ קאָנספּעקט

**1. די אויפֿגאַבעס פֿון אינטערוויוען מיט אינפֿאָרמאַנטן.**

(א) פּרעזערווירן אויטענטישע שפּראַכיקע געשעענישן אויף דור־דורות.

(ב) אויסזוכן געאָלינגוויסטישע (צי געאָגראַפֿיש קולטורעלע) פֿאַקטן אויף צו סיסטעמאַטיזירן קאָרעלאַטיוו (פּראָזעווײַז צי אין אַן אַטלאַס).

(ג) אויסזוכן פֿאַקטן אויף צו בויען אַ רעקאָנסטרוקציע פֿון דער שפּראַך.

(ד) ווי אַ בײַשטײַער צו אַ מאָרפֿאָלאָגיע פֿון אַ קולטור.

**2. צו דער מעטאָדאָלאָגיע פֿון דורכפֿירן אינטערוויוען.**

(א) מען דאַרף צונויפֿשטעלן אַ פֿרעגבויגן אויפֿן סמך פֿון פֿריערדיקע פֿאָרשונגען, פּאָפּולערע השגות און אייגענע פֿאָרשטעלונגען וועגן פּרטים וואָס זײַנען

עלול צו װײַזן אויף אַן אינטערעסאַנטן געאָגראַפֿישן פֿאַרשפּרייט. מען דאַרף אויספּרואװן אַ פּראָװיזאָרישן פֿרעגבויגן אויף צו זען װאָסערע פֿראַגעס זײַנען פּראָדוקטיװ און װאָסערע זײַנען איבעריק.

(ב) װיכטיק איז אַז בשעת דעם אינטערװיו זאָל דער דיאַלעקטאָלאָג פֿאַרשרײַבן באַלד אויף אַן אָרט די שײַכותדיקע אינפֿאָרמאַציעס; ערשט שפּעטער דאַרף קאָנטראָלירט מען די אויפֿגעשריבענע ענטפֿערס מיט די טאַשמעס.

3. **דוגמאות פֿון ייִדישע דיאַלעקטן:**

(א) האַלאַנד (אוריאל װײַנרײַך, מיט דאַנק דעם ייִדישן שפּראַך- און קולטור-אַטלאַס, ניו-יאָרק).

(ב) ענדינגען אין דער שװייץ (פֿלאָרענץ נוגענהײַם-גרינבערג, מיט דאַנק פֿלאָרענץ נוגענהײַם-גרינבערגן).

(ג) אַנאַ באָלאַג, גרוסענהײַם אין אייבערעלזאַס (פֿלאָרענץ גוגענהײַם-גרינבערג).

(ד) אבֿרהם-נחום שטענצל, טשעלאַדזש (בענדינער געגנט, ד"ה אין נח פּרילוצקיס מערבֿ-ייִדישן אינדזל אין מערבֿ-פּוילן).

(ה) מאיר באָגדאַנסקי, פּיעטערקאָװ.

